בעזהשי"ת

# לעשות את השבת לדורתם

## טייערע אידען מענער פרויען און קינדער

**צו ווייסט איר אז עפ"י רוב גדולי הדור, עמודי ההוראה בדורינו, רוב מנין ורוב בנין רבנים, דיינים, אדמו"רים שליט"א איז מותר לכתחלה צו טראגן שבת אין בארא פארק מיטן עירוב.**

**צו ווייסט איר אז אלע גדולי הדור מימי חז"ל, גדולי הפוסקים, רבנים, דיינים, צדיקי הדור, האבן במשך הדורות מתקן געווען עירובין אין זייערע שטעט, כדי מתיר זיין טלטול בשבת קודש.**

(עיין בספר "על מצות עירוב")

**פאלגענד זענען עטליכע פון די טעמים עפ"י ההלכה פארוואס עס איז מותר לכתחלה צו טראגן מיט'ן ב"פ עירוב, וואס צוליב דעם פסקענן רובן ככולם פון די גדולי הדור עמודי ההוראה בדורנו שליט"א אז די היתר טלטול אונעם ב"פ עירוב איז לכתחלה שבלכתחלה, אן קיין שום צד חשש איסור בכלל.**

1) לויט רוב גדולי פוסקי הדור, העכער 150 רבנים דיינים וכו' איז ברוקלין <u>**נישט**</u> קיין רשות הרבים דאורייתא.
(בקונטרס שיופיע בקרוב אי"ה)

◆ אויך הגאון הגדול ר' משה פיינשטיין זצ"ל (וואס אויף איהם בויט מען די התנגדות צום עירוב) שרייבט און זיין ספר אג"מ (או"ח ח"ד סי' פ"ט, הפרדס שנה ל"ג חוברת ט') אז <u>**"הטעמים להיתר מרובים ואין בידנו למחות ביד המקילין, וכשיתקנו הרי יהיה מותר לאיזה שיטות, גם הם רבנים גדולים ומי ימחה בהם"**</u>. און אז איינער טראגט אינעם עירוב איז נישט קיין מחלל שב"ק רח"ל, ווייל די טעמים לאיסור זענען נאר עפ"י געציילטע ראשונים וואס אין שולחן ערוך ונושאי כליו ווערט נישט אזוי געפסקנט. אויך שרייבט ער (או"ח ח"ה סי' כ"ח) <u>**"מצד המחיצות סביב ברוקלין זה אפשר לברר"**</u>, און מען האט מברר געווען אז ב"פ איז ארומגענומען מיט מחיצות שנעשו בידי אדם.

◆ וויבאלד רוב שיטות האלטן אז מען רעכענט נישט די גאנצע שטאט צוזאמען פאר ס' רבוא, נאר מען רעכענט אז ס'מוז אדורך גיין אויף איין גאס ס' רבוא כדי ס'זאל ווערן א רה"ר, איז אין ברוקלין נישט דא א גאס וואס 600,000 מענטשן גייען דורך א יעדן טאג, און אפילו עס זאל יא זיין אזא גאס איז עס אבער נישט מפולש ומכוון משער לשער, די גאס גייט נישט גראד פין איין עק שטאט ביזן אנדערן עק, נאר עס גייט קרום דעריבער איז ברוקלין נישט קיין רשות הרבים דאורייתא.

◆ אפילו לויט די געציילטע שיטות וואס זענען מחמיר ביי ברייטע גאסען פון ט"ז אמה, וואס רוב גדולי הפוסקים האבן נישט אזוי אנגענומען, איז אבער ביי היינטיגע שטעט על פי די פסק פון אסאך גדולי פוסקי הדור ווי די **חזון איש זצ"ל, מהר"י שטייף זצ"ל, ומנחת יצחק זצ"ל**, ועוד, נישט שייך די חומרא ווייל ס'איז ארומגענומען מיט מחיצות הבתים עומד מרובה על הפרוץ (אויך איז עס נישט מפולש משער לשער) וואס די חזו"א שרייבט בפירוש <u>**"ההיתר מחוור ומרווח לכרכים שלנו"**</u> (הל' עירובין סי' ק"ז).

* * *

2) לויט ווי ס'ווערט געפסקנט און שו"ע (חו"מ סי' קס"ב) אז "בני מבוי כופין זה את זה לעשות לחי וקורה" און ווי די

ערוך השלחן (סי' הנ"ל) איז מבאר אז אפילו א חלק מענטשן האלטן א חומרא פון חשש רה"ר מוזן זיי צושטיין און ארויסהעלפן צום בוי פונ'ם עירוב, "**ואפילו המיעוט כופין את המרובין לעשות לחי וקורה להתיר לטלטל בשבת**", וכ"ש אז רוב תושבי שכונתינו ב"פ ניצן דעם עירוב. און די טעם פון די מתנגדי העירוב אז די עירוב ברענגט צו מכשולות בקדושת השבת און פריצות בחומת הצניעות, האט נישט קיין שום מקור און די פוסקים, און צוזאגן אז א תקנת חז"ל ברענגט צו עבירות איז בכלל "המלגלג על תקנת חז"ל".

* * *

3) פאר העכער 50 יאהר צוריק האט מען **יא** מתקן געווען עירובין און נוא יארק, די זענען געווען רבנים גדולי הדור פונעם פריעדיגען דור וועלכע זענען געקומען קיין אמעריקא ביי די צווייטע וועלט קריג און זיי האבן אויפגעשטעלט דאס אידישקייט און אמעריקא וואס רובא דרובא פון היינטיגען ציבור זענען תלמידיהם ותלמידי תלמידיהם, און זיי האבן **יא** געוואלט מתקן זיין עירובין און נוא יארק און ברוקלין.

דא האט איר א טיילווייזע רשימה מגדולי הדור שלפנינו ומיסדי הישוב החרדי בנוא יארק אשר מפיהם אנו חיים:
בשנת תרס"ז; **הגה"צ מברעזאן זצ"ל**, (שו"ת מהרש"ם ח"ט סי' י"ח) **הגה"צ מסטאניסלאוו זצ"ל**, **הגה"צ מפלאנסק זצ"ל**, ועוד.
בשנת תש"ט; **הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל**, **הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדעל זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מקאפישניץ זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מבאיאן זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מאמשינוב זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מאוונאמינסק זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מפאפא זצ"ל**, **כ"ק אדמו"ר מצאנז קלויזענבורג זצ"ל**, ועוד. (עיין המקורות בספר "על מצות עירוב").

בשנת תשל"ג האבען גדולי הרבנים מהתאחדות הרבנים דארה"ב וקאנאדא געוואלט מאכן אן עירוב און וויליאמסבורג בהסכמת **כ"ק אדמו"ר מסאטמאר זצ"ל** (כעדות המשב"ק רבי יוסף אשכנזי שליט"א), **כ"ק אדמו"ר מפאפא זצ"ל**, **הגה"צ משארמאש זצ"ל**, **הגה"צ מסאמבאטעהלי זצ"ל**, **הגה"צ מאראד זצ"ל**, **הגה"צ מטשאקאווע זצ"ל**, **הגה"צ ממישקאלץ זצ"ל**, **הגה"צ דומ"ץ וויען זצ"ל**, ולהבחל"ח **הגה"צ מאודווארי שליט"א**, **הגה"צ ממוזשאי שליט"א** ועוד גדולי רבנים (ועיין בספר "על מצות עירוב" הכתבי ידות של המכתבים), און זיי שרייבען אז די עסקנים זענען ממזכי הרבים און זענען מחזק שמירת שב"ק. און מען האט דערנאך אויפגעשטעלט אן עירוב, אבער ליידער האבען דאס צוויי בריונים צוריסען רח"ל.

בשנת תשל"ט בענין העירוב בפלעטבוש זענען אויך געווען חשובע רבנים וואס האבן געשטיצט דעם עירוב, אבער צוויי אדער דריי יחידים זענען געגאנגען זאגן פאר די רבנים אז אויף אושע'ן פארקוועי' גייען דורך טעגליך 600,000 קארס און מענטשען, און ס'איז א רה"ר דאורייתא. וואס אין אמת'ן גייען היינט צוטאג אדורך נישט מער פון 45,000 קארס ווי די עדות פון פאליציי און טרעפיק דיפארטמענט (D.O.T. OF N.Y.S. (718) 482- 4578) אויך איז עס נישט מפולש משער לשער.

והא ראיה ווייל א טייל פון די חותמים וואס זענען דארט אונטער-געשריבען האבען שפעטער אליין מתקן געווען עירובין אין ברוקלין, ווי צב"ש **כ"ק אדמו"ר מפאפא זצ"ל**, וואס האט געשיקט זיין זוהן באקוקען די עירוב און וויליאמסבורג תשמ"א, איידער די בריונים האבען דאס צוריסען. אויך **כ"ק אדמו"ר מבאבוב זצ"ל** האט מתקן געווען אן עירוב אין בארא פארק אויף 48 סטריט און געמאכט א ברכה דערויף יעדן עש"ק כמנהג האר"י הק'. אויך בהסכמת **כ"ק אדמו"ר מסאטמאר שליט"א** האט הגה"צ **רבי ישראל חיים מנשה פריעדמאן שליט"א דומ"ץ סאטמאר וומס"ב** מתקן געווען די עירוב אין וויליאמסבורג אויף ראדני סטריט די גאס פארנט פון סאטמאר ביהמ"ד. ווי אויך היינט צוטאג האבן שוין כמה רבנים מגלה דעת געווען ברבים אז זיי האבן קיינמאהל נישט געחתמ'ט דעם קול קורא.

אויך בשנת תשמ"א בענין העירוב דבארא פארק האבען חשובע רבנים געהאלטן פון מתקן זיין אן עירוב, אבער וויבאלד מען האט נישט מתקן געווען ספעציעלע צורות הפתחים פארן עירוב, ווי אויך איז עס נאר געווען אויף א חלק פון ב"פ, דעריבער זענען טייל רבנים נישט צוגעשטאנען דערצו, ווי זיי שרייבען קלאר "**על עירוב הנ"ל**".

אויף אויף די געסעלעך פון בארא פארק און וויליאמסבורג האט מען שוין צענדליגע יארן געמאכט עירובין מיט די הסכמה און הכשר פון מורי הוראות (סאטמאר, וויזניץ-מאנסי, באבוב, סקווירא, סקולען, פאפא, ספינקא-וומס"ב, ישראל והזמנים, ועוד...).

בשנת תש"ס האבען רבנים גדולי הפוסקים עמודי ההוראה בדורנו שליט"א משיירי כנסת הגדולה מעודד געווען צו מתקן זיין עירובין און מען האט מתקן געווען אן עירוב בצורות פתחים מיוחדים אויף **גאנץ** בארא פארק, צווישן זיי בהשגחת

הגה"צ רבי חיים לייב כ"ץ שליט"א אבד"ק סערדאהעלי, און די רבנים הגאונים הצדיקים והמפורסמים רבי שלום קרויז שליט"א אבד"ק אודווארי, רבי אפרים פישל הערשקאוויטש שליט"א אב"ד האליין דומ"ץ קלויזענבורג, אבד"ק מוזשאי שליט"א, רבי יעקב יצחק ניימאן שליט"א רב דמחזיקי הדת מאנטריאל, רבי טוביה גאלדשטיין שליט"א אב"ד ור"מ עמק הלכה, אבד"ק לינז שליט"א, אבד"ק יאקע שליט"א, רבי יחזקאל ראטה שליט"א אבד"ק קארלסבורג, רבי מנשה קליין שליט"א אבד"ק אונגוואר, דומ"ץ בעלזא שליט"א, אבד"ק נטעי גבריאל שליט"א, אבד"ק נייטרא שליט"א, דומ"ץ וויען שליט"א, ועוד...

ווי אויך כ"ק האדמו"רים שליט"א (ע"פ סדר הא"ב) **אלכסנדר**, **בעלזא**, **וויזניץ**, **חוסט**, **טשערנאביל**, **מונקאטש**, **סאטמאר** (ביים באזוך פון די רבנים הגאוה"צ מסערדאהעלי און וויען שליט"א), **סטיטשין**, **ספינקא**, **ערלוי**, **פאפא**, **קאסוב**, ועוד.

אויב אזוי אז פיל צענדליגע רבנים און אדמו"רים אשר מפיהם אנו חיים, האבען מתקן געווען עירובין אויף זייערע גאסען אין ברוקלין, בארא פארק און וויליאמסבורג, איז דער מנהג שוין מער פון 50 יאר **יא** צו מאכן עירובין אין נוא יארק, (אזוי ווי מען האט זיך געפירט אין דערהיים, אין אלע דורות מאז ומקדם מימי חז"ל און ווייטער, און אזוי ווי מען זעהט נאך היינט אין ירושלים עיה"ק, בני ברק, אנטווערפן, מאנסי, קרית יואל, סקווירא, מאנטריאל און נאך), האט דאס א דין ווי א מנהג העיר וואס איז נתקן געווארען דורך די חכמי העיר און די תקנה איז חל אויך אויף זייערע קינדער און אויף אלע וואס קומען וואוינען און די שטאט, **ואין בי"ד יכול לבטל דברי בי"ד חבירו אלא א"כ גדול הימנו בחכמה ובמנין.**

* * *

4) די איסור פון "**לא תתגודדו**" וואס חז"ל דרשנ'ן אז מען טאר נישט מאכן אגודות אגודות, וואס טייל פירען זיך אזוי און אנדערע אנדערש, איז אין ניו יארק נישט שייך, ווי ס'ווערט געברענגט אין אלע פוסקים אז א "עיר שיש בה שתי בתי דינין" איז נישט שייך "לא תתגודדו", אויך שרייבט אזוי הגאון רבי משה פיינשטיין זצ"ל אין ספר אג"מ (אה"ע ח"א סי' נ"ט) אז דא אין אמעריקא וואס ס'איז דא אסאך קהלות מיט אנדערע מנהגים איז נישט שייך די איסור פון לא תתגודדו (אזוי ווי מיר זעהן צב"ש זמן מוצאי שבת מוקדם, גיין מיט שייטלן, אכילת חדש, ועוד).

* * *

## טייערע אידען, איר פארשטייט אז כדי צו פירען אן ערליכע אידישע שטוב און צו זיין אפגעהיטן אין אלע עניני יהדות, פירט איר זיך לויט די פסק פון אייערע מורי הוראות, למשל:

- איר עסט מאכלים און פראדוקטן פון די געשעפטן וואס איר פארלאזט זיך אויפן רב המכשיר אז ס'איז כשר, אפילו אז לפי כמה גדולי הפוסקים איז שייך מחמיר צו זיין.

- איר ניצט מקוואות וואס איז עפ"י כמה רבנים כשר, און פארלאזט זיך אויף זיי, אפילו אז לפי כמה גדולי הפוסקים איז שייך מחמיר צו זיין.

- אין כמה הלכות שבת איז דא וואס זענען מקיל (צב"ש עפענען באטלעך, קענס, ניצן בעבי-ווייפ"ס, זמן מוצאי שבת מוקדם), ווייל כמה רבנים פסקנן אזוי, אפילו אז עפ"י כמה גדולי הפוסקים איז דאס א איסור מדאורייתא.

- איר טראגט אין קאנטר"י מיט אן עירוב מיט-אדער-אן א הכשר אפילו אז לפי כמה גדולי הפוסקים איז שייך מחמיר צו זיין.

- איר עסט יעדע שבתווארעמע מאכלים כדי נישט צו זיין ווי די צדוקים רח"ל וואס האבען מפקפק געווען אויף דברי חז"ל זאגענדיג אז מען טאר נישט עסן ווארעמס ווייל ס'שטייט "לא תבערו אש".

* * *

## און יעצט טייערע אידען טראכט'ס אריין אז וועגן אפאר געציילטע יחידים מתנגדי העירוב וואס ווילן כופה דעתם זיין אויפן גאנצן ציבור, דארף נישט די ציבור זיך לאזן !

אין די פארגאנגענהייט (תשל"ד, תשל"ט, תשמ"א, תש"ס) זענען זיי ארומגעלאפען און זיי לויפען נאך היינט ארום צו רבנים און זקנים מיט זיופים וסילופים, און שלעפן ארויס חתימות און בריוון (מיט טערער און פרעשא"ר) און דרוקן מודעות אין די צייטונגן מלגלג זיין על תקנת חז"ל "מצות עירוב". ולא עוד, זיי שרייען נאך פרויען און מיידלעך אין די גאסן "מחלליה מות יומת", און זיי פראבירן אויך צו צורייסען עירובין, נאך דערצו בלבוש פרומקייט ובשם רבנים, וואס אין די אידישע היסטורי' איז נאך אזאנס נישט געהערט געווארן, ואין פוצה פה ומצפצף. **אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה.**

האבן דען אלע גדולי הדורות וואס האבן מתקן געווען עירובין אין זייערע שטעט חלילה געוואלט מכשיל זיין אידן מיט חילול שבת רח"ל?

צו ווילען מיר דען נישט פארעכענט ווערן צווישן די שומרי שבת כהלכתו און נישט נכשל ווערן מיט טראגן און שב"ק? וואס נאר מיט אן עירוב קען מען דאס פארמיידען (כמבואר בגמרא ובכל הפוסקים ב"י, ב"ח, טו"ז, מג"א, שו"ע הרב, חתם סופר, דברי חיים, משנה ברורה, וכו' וכו').

און דאס איז אלעס אחוץ וואס מיטן רעדן קעגן אן עירוב אדער אקעגן די וואס טראגען מיטן עירוב, נעמט מען א חלק און מחזיק זיין במחלוקת בקום ועשה און מצער זיין אזוי פיל אידן וואס ווילן מקיים זיין תקנת חז"ל און פאלגען אויס די פסק פון זייערע מורי הוראות.

לאמיר זיך אלע אנשליסען צום רוב מנין ובנין רבנים און גרויסע קהלות און שטאט (וויזניץ, בעלזא, מונקאטש, קלויזענבורג, נייטרא, וויען, פאפא, באיאין, סקווירא, סקולען, ספינקא, באבוב 48 סט., סאטמאר ראדני סט., קליימער סט.) וואס פאלגען אויס די הוראה פון רוב זקני גדולי הדור, און פון העכער 150 רבנים דיינים אדמורי"ם שליט"א, וואס זענען מתיר לכתחלה צו טראגען שבת אין בארא פארק מיט א עירוב, און אזוי ארום אפגעהיטען ווערן פון חילול שב"ק בשוגג ובמזיד רח"ל.

**ווייסן זאלט איר אז מיט רעדן אדער שרייבען אקעגן אן עירוב, אדער אקעגן איינעם וואס טראגט מיט אן עירוב, גרעניצט זיך עס מיט מינות ואפיקורסות, אזוי ווי די צדוקים בימי חז"ל וואס זענען געווען פרומער ווי חז"ל, וואס אויף זיי זאגן חז"ל** (סנהדרין צ') **"ואלו שאין להם חלק לעולם הבא".**

**לאמיר זיך אלע מקבל זיין זיך צו האלטן צו דעם פסק פון די גדולים וצדיקים פון די פריעדיגן דור,**
**אשר מפיהם אנו חיים, ובזכותם האבען מיר נאך א קיום און דעם היינטיגן דור,**
**און מקיים זיין תקנת חז"ל, וואס אין אלע דורות האבן זיך אידן מוסר נפש געווען דערויף.**
(אזוי ווי הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע האט מקפיד געווען דוקא צו טראגן במקום שיש עירוב, כדי נישט חלילה צו זיין אן אינו מודה בעירוב).

* * *

פאלגענד איז א בריוו וואס **הגה"צ רבי משה ארי' פריינד זצ"ל גאב"ד ביד"צ דעדה החרדית ירושלים עיה"ק** האט געשריבען בנידון כשרות העירוב בירושלים עיה"ק ת"ו אקעגן די מתנגדי העירוב, (מובא בספר עטרת יהושע כתבי קודש אות טו, ועי' בשו"ת אבן ישראל ח"ח סי' ל"ו, ושו"ת קנין תורה ח"ד סי' מ' אז אין ירושלים איז דא ס' רבוא).


משה ארי' פריינד
בן הגה"צ מהר"י זצ"ל אבדק"ק הוניאר יצ"ו
רב ואב"ד
לכל מקהלות האשכנזים פעיה"ק ירושלים תובב"א
ור"מ דישיבת "יטב לב" דסאטמאר

MOSHE ARYE FREIND
CHIEF RABBI
OF JERUSALEM
JERUSALEM E. ISRAEL


אור ליום ד' זאת חקת התורה ער"ח תמוז תשנ"ב לפ"ק פעיה"ק ירושלים תובב"א

ע"ד אשר שמעתי שלאחרונה יצאו איזה אנשים לפקפק על העירוב מטעם עדתנו החרדית פעיה"ק ת"ו הקיים בעזהשי"ת זה שנים רבות, שכל הפעולות נעשו מאז ועד עתה בהשגחתי, בשליחות ובהוראות הגאוה"צ הביד"צ שלפנינו זצוק"ל, וכעת הוא ג"כ בפיקוחו התמידי של ידי"נ הגאון האדיר רבי יעקב בלויא שליט"א חבר הביד"צ פעיה"ק ומח"ס נתיבות השבת על הלכות עירובין אשר הוא ממונה על העירוב.

אי לזאת מצאתי לגלות דעתי כי כל פרטי העירוב נעשו כדת וכדין, ובעזהי"ת בשנים אחרונות ניתוספו עוד יותר הידורים, ולכן יש לסמוך על העירוב לכתחלה בדיני הוצאה והכנסה בלי שום פקפוק.

וגם לענין שכירות מקום של נכרים ומחללי שבתות ע"י הרשיות והשלטונות נעשה כדת וכדין, ודיברתי אז עם כ"ק מרן רבה"ק רשכבה"ג בעל ויואל משה זצוק"ל זי"ע ועב"י הגאב"ד דפעיה"ק ת"ו, וגם דעת קדשו כן היתה ואין בזה שום פקפוק.

ובזכות שמירת שבת כהלכתה נזכה לנחלה בלי מצרים ולהושע בישועה וגאולה שלימה במהרה בימינו אמן ובאעה"ח

**הק' משה אריה פריינד רב ואב"ד פה עיה"ק ת"ו**